**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 27/10/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל אנאנסירט ניו יארק סטעיט'ס EXCELSIOR PASS בלופּרינט**

***א נאציאנאלע צוגאנג פאר סטעיטס, טעריטאריעס און לענדער צו העלפן אין די אנטוויקלונג פון די דיגיטאלע געזונטהייט באווייזן***

***א סעריע פון ווירטואלע סעמינארן דורך די אינטערנעט און געשעעניש וועלן נאכפאלגן צו צושטעלן טעכנישע הילף פאר אנדערע קערפערשאפטן***

***דאַונלאָודט די בלופּרינט [דא]()***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט ניו יארק סטעיט'ס Excelsior Pass [בלופּרינט](), א נאציאנאלע צוגאנג צו העלפן מיט די אנטוויקלונג און איינפירונג פון די דיגיטאלע געזונטהייט באווייזן. בויענדיג אויף די סטעיט'ס Excelsior Pass Wallet מיטל – וועלכע רעכנט אריין Excelsior Pass, Excelsior Pass *Plus*, און די Excelsior Pass Scanner עפּ פאר ביזנעסער – דינט די בלופּרינט אלץ אנווייזונגען צו העלפן אנדערע סטעיטס, טעריטאריעס און קערפערשאפטן מיטן פארברייטערן די סארטן באווייזן וועלכע די קאוויד-19 וואקסין סיסטעמען קענען אנערקענען כדי צו ברענגען פארשריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען איבערן לאנד אויף א זיכערן פארנעם.

"אויב מיר ווילן מצליח זיין סוף סוף צו באזיגן קאוויד-19, מוזן מיר אונטערנעמען דרייסטע און אנטשלאסענע שריט מיט א גייסט פון צוזאמענארבעט און דורכזיכטיגקייט", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "אונזער Excelsior Pass פראגראם איז אן אויסגעצייכנטע ביישפיל דערפון, מיט די פאזיטיווע השפעה וואס עס האט געהאט אויף אונזער עקאנאמיע און די אייגנארטיגע מעגליכקייט צו ערמעגליכן ניו יארקער צו זיין אין קאנטראל פון זייער געזונטהייט אינפארמאציע מער פון סיי ווען בעפאר. אונזער האפענונג איז אז מער סטעיטס וועלן זיך אנשליסן מיט אונז צו טרייבן אונזער געמיינזאמע אנהויב פון אקטיוויטעטן פונדאסנייע כדי מיר זאלן זיך קענען ארויסזעהן פון א פרעצעדענטלאזע פאנדעמיע אויף א זיכערערע, שטערקערע און מער פארבינדענע פארנעם פון סיי ווען בעפאר."

די [בלופּרינט]() – וואס איז יעצט פארעפענטליכט געווארן פאר די פובליק – טיילט מיט ניו יארק סטעיט'ס צוגאנג צו בויען, איינפירן און פאראויס רוקן די Excelsior Pass פלאטפארמע. זיך באניצנדיג מיט טאקטישע אנפירונג שריט, דינט די צוגאנג אלץ א גוטע פלאץ אנצוהויבן פאר סיי וועלכע קערפערשאפט וואס וויל אנהויבן, בעסער מאכן אדער ארויסקומען מיט זייער אייגענע באווייזן סיסטעם. די דאקומענט רעכנט אויס פרטיות'דיגע אנווייזונגען ספעציעל צוגעפאסט צו די אייגנארטיגע באדערפענישן פון סטעיט רעגירונגען, דעקנדיג א רייע אספעקטן, אנגעהויבן פון פריוואטקייט און זיכערהייט סטראטעגיע, האנדלען מיט ציפערן און פובליק אינפארמאציע און קאמיוניקאציע.

**קארפּארעט וויצע פּרעזידענט און דעפּיוטי CTO פון מיקראָסאפט, לילע טרעטיקאוו, האט געזאגט,** "איך ווער ווייטער אינספּירירט דורך די ארבעט וואס ניו יארק סטעיט טוט צו העלפן אנדערע סטעיטס צו איינפירן די SMART Health Cards (קלוגע טעכנאלאגישע געזונטהייט באווייזן קארטלעך) סיסטעם. צו זיכער מאכן אז קאמיוניטיס קענען זיך צוריק עפענען זיכערערהייט און אז יעדער קען זיך פארלאזן אויף די וואקסינאציע פעסטשטעלונג סיסטעמען זענען פארפליכטונגען וואס מיקראָסאפט און אונזערע שותפים פון די VCI פארבאנד (VCI coalition) האבן אונטערגענומען פון די אנהויב. ניו יארק סטעיט'ס בלופּרינט איז א וויכטיגע צוגאב צו די אונטערנעמונג כדי צו פארזעצן צו מאכן קלוגע טעכנאלאגישע SMART Health Cards גרינגער איינצופירן און צוגענגליך צו יעדן אין יעדע פלאץ."

**טשיעף דיגיטאלע געזונטהייט דאקטאר פון MITRE און קאָ-גרונדער פון VCI, דר. ברייען ענדערסאן, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט האט געברענגט צום נוצן די אָופען סאָרס SMART Health Cards סיסטעם – אנטוויקלט דורך VCI – מיט הצלחה, שאפנדיג א רייע מיטלען העלפנדיג מענטשן און ביזנעסער דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע. די עפענונג פון די Excelsior Pass בלופּרינט אפפערט פאר אנדערע סטעיטס צו אויסלאזן אסאך פון די פריע ארבעט ביים פלאנירן זייערע אייגענע סיסטעמען, שטיצנדיג פובליק געזונטהייט אויטאריטעטן און אינפראסטראקטור. מיר ביי MITRE זענען באגייסטערט צו ארבעטן צוזאמען מיט ניו יארק צו ארויסבויען די טעכנאלאגיע און מיטלען צו ערמעגליכן די פארמערטע צוטריט און באנוץ פון SMART Health Cards איבערן לאנד."

פארברייטערנדיג אויף די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו ערמעגליכן פאר מער מענטשן די צוטריט צו א פארלעסליכע קאפיע פון זייער וואקסינאציע רעקארד אין א דיגיטאלע פארעם, אין א וועג וואס היט אויף די פריוואטקייט, רעכנט די בלופּרינט אויס די וויכטיגקייט פון נוצן סיסטעמען וועלכע ארבעטן איינע מיט די אנדערע צו קענען נוצן די SMART Health Cards סיסטעם אויף א ברייטע פארנעם –– מיינענדיג אז פאסן וועלכע ווערן ארויסגעגעבן דורך אנדערע סטעיטס אדער קערפערשאפטן – וועלכע ווערן ארויסגעגעבן אונטער ענליכע סטאנדארטן – וועלן קענען פעסטגעשטעלט ווערן און אנגענומען ווערן אן דארפן אויסטוישן פריוואטע אינפארמאציע.

נאך די פארעפענטליכונג פון די בלופּרינט וועט ניו יארק סטעיט אפהאלטן א סעריע פון ווירטועלע צוזאמקומען און סעמינארן איבער די אינטערנעט צו צושטעלן פאר די וועלכע זענען פאראינטערעסירט דערין מיט נאך כלים און מיטלען. ניו יארק ארבעט אויף אן אקטיוון אופן צוזאמען מיט אנדערע פון די פאראייניגטע שטאטן צו צושטעלן טעכנישע הילף –– אריינרעכענענדיג אינפארמאציע איבער די ארכיטעקטור און אויף די לאגיק פון די אנווייזונגען.

ניו יארק סטעיט איז געווען די ערשטע אינעם לאנד ארויסצוקומען מיט א קאוויד-19 וואקסינאציע און נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן באווייז פאס סיסטעם אום מערץ 2021. ביז היינט זענען שוין מער פון זעקס מיליאן פאסן ארויסגענומען געווארן דורך ניו יארקער, און איבער 157,000 דאַונלאָודס זענען געמאכט געווארן פאר די Excelsior Pass Scanner עפּ. די מיטלען זענען ווייטער קריטיש וויכטיג צו שטיצן די סטעיט'ס באמיאונגען זיך צוריק צו עפענען – שטיצנדיג פובליק געזונטהייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג אין די זעלבע צייט. א גרופע פון פארשידנארטיגע גרויסע און קליינע ביזנעסער איבער די סטעיט – אריינרעכענענדיג שווער-באטראפענע אינדוסטריעס ווי צוזאמקום און אונטערהאלטונג זאלן, עסן סערוויסעס און האָטעלס א.ד.ג. – נוצן ווייטער Excelsior Pass צו פעסטשטעלן די אויטענטישקייט פון מענטשן'ס וואקסינאציע באווייזן גרינגער און גלאטער.

צו דאַונלאָודן ניו יארק סטעיט'ס Excelsior Pass בלופּרינט, באזוכט די לינק [דא](). מענטשן קענען לערנען מער איבער Excelsior Pass און איבער Excelsior Pass *Plus* [דא](), און בארעכטיגטע מענטשן קענען ארויסנעמען זייער פאס [דא](). ארגאניזאציעס און ביזנעסער קענען לערנען מער איבער די Excelsior Pass Scanner עפּ – וואס איז אומזיסט פאר סיי וועלכע ביזנעס אינעם לאנד און איז דא אין

מער פון צען שפראכן – און ניו יארק סטעיט'ס Trusted Issuers (פארלעסליכע ארויסגעבער) סיסטעם דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן